# תורת אביגדור

## פאר קינדער

איבערגעארבעט פאר קינדער פון די שמועסן פון **הרב אביגדור מיללער זצ"ל**
דורך: פינחס בן-עמי, נתנדב לעילוי נשמת אמי מורתי **מרים לאה בת יעקב יהודה**

### פרשת וירא

## זעהן דער אויבערשטער איבעראל

"קינדערלעך, לאמיר גיין אויף א רייזע. אדער בעסער געזאגט, פאק זיך צאם און לאז דיין פאנטאזיע גיין אויף א רייזע". - וואו אהין? - צו די שטאט אור כשדים וואו אברהם אבינו איז אויף געוואקסן. מיר גייען זיך פארשטעלן ווי אזוי עס האט אויסגעזען און וואס עס האט זיך אפגעשפילט דארט.

פון דערווייטענס זעה א פאסטוך מיט זיין סטאדע שעפעלעך, ווי זיי פאשן רואיג אויף די פעלדער. און ביים קוואל זענען פארהאן עטליכע מיידלעך וואס זענען געקומען שעפן וואסער, הער ווי זיי רעדן א שפראך וואס מיר קענען נישט פארשטיין.

קענסטו דאס גלויבן? - מענטשן ביקן זיך טאקע צו א געטשקע פון שטיין ביים מויער פון שטאט. דארט הויך אויפ'ן לייטער. זעה איינער רייניגט עפעס, וואס טוט ער שוין דארט? אה, ער פיצט די אויסגעפארעמטע געטשקע פון די קעניג נמרוד. די באדינער פון די קעניג זענען פארנומען מיט פיצן און גלאנצן זיין געטשקע!

גיב נאר א קוק - דאס איז אים! דארט אינדרויסן פון שטאט שטייט א יונג קינד נעבן א מאראנצן בוים. דאס איז אברם! ער האלט אין זיין האנט א מאראנץ און באטראכט עס. עס זעהט אויס ווי ער זאגט עפעס. לאמיר זיך אונטערהערן.

"דאס איז מורא'דיג! דער מאראנץ איז אזוי גוט פארמאכט און לאזט נישט דורך קיין וואסער אדער לופט און בלייבט פריש פאר זייער לאנג. די שאלאכטץ איז אזוי הערליך שיין און גלאנצט אן דעם וואס מענטשן זאלן עס שיינען אזוי ווי נמרוד'ס געטשקע. אינעווייניג איז דא אזא געשמאקע זיסע פרוכט אנגעפילט מיט זאפט."



מיר ריקן זיך פאראויס ריקן מיט 70 יאר אברהם אבינו איז יעצט אין באר שבע.

אברהם אבינו שטייט ביי א פעלד פיל מיט הערליכע פרוכט ביימער. ער רעדט דארט צו א גרופע פון פארשידענע ערליי מענטשען. לאמיר זיך אונטערהערן.

"טייערע מענטשן -," זאגט אברהם "זיבעציג יאר צוריק ווען איך בין געווען א יונג קינד אין אור כשדים פלעג איך אסאך ארויס גיין אינדרויסן פון שטאט צו באטראכטן די פרוכט ביימער וואס וואקסן דארט. צומאל האב איך זיך אראפ געזעצט אונטער א בוים זיך צו באשיצן פון די הייסע זון. עס איז געווען אזוי געשמאק און איינגענעם! עס האט מיר געמאכט טראכטן טיפער וועגן די הערליכע וועלט וואס איך געפין זיך אין איר."

די צווייגען און די בלעטלעך זענען אזוי גוט אויסגעשפרייט צו מאכן א שאטן - אבער נאר אין די זוממער, ווען ס'איז הייס. אין די ווינטער ווען איך בין קאלט און איך וויל שפירן דיווארימקייט פון די זון וואס מער, זענען נישט דא קיין בלעטלעך אויפן בוים צו פארשטעלן די זון.

איך בין געווען יונג דעמאלט, אבער איך האב געהאלטן אין איין טראכטן וועגן אזויפיל גוטס וואס א בוים גיבט אונז. אזוי ווי די עפל! אן עפל איז א זיסע געפאקטע סנע"ק! די זון באקט אפ די עפל אויף די בוים עס זאל זיין גרייט צו עסן. ווען עס איז נאך נישט רייף איז די עפל נאך גרין, עס באהאלט זיך צווישן די גרינע בלעטלעך פון די בוים. אויב עס וואלט געווען רויט וואלט איך עס אפשר געוואלט עסן, אבער עס איז נאך נישט גרייט. די עפל הענגט אויף די בוים און באקט זיך אין די זון, און ווען עס איז גרייט טוישט זיך די קאליר צו רויט! פון זיך אליין! אן א פעינטע"ר!



און וואונדער איבער וואונדער! וואו איז עס געווען ווען עס איז נישט געווען גרייט צו עסן? הויעך אין די בוים. און ווען עס איז שוין רייף לאזט די בוים אראפ די עפל, ווי מען קען עס גרינגערהייט אויפהייבן און הנאה האבן דערפון.

די מער איך האב געטראכט וועגן די פרוכט ביימער האב איך איינגעזעהן אז עס איז פארהאן א גרויסע בורא וואס טוט די אלע זאכן פאר מיך. וואו איך האב נאר געקוקט האב איך געזעהן דער אויבערשטער. וועגן דעם האב איך איינגעפלאנצט די אלע הערליכע פרוכט ביימער אז מיר זאלן אלע קענען הנאה האבן און זעהן די חכמה און חסד פון דער אויבערשטער."

יעצט טייערע קינדער, הלוואי וואלטן מיר געקענט בלייבן לענגער און צוהערן צו די רייד פון אונזער זיידע אברהם אבער עס איז שפעט, עס ווערט באלד שבת. אפשר ביי אן אנדערע געלעגנהייט וועלן מיר קענען צוריק קומען באזוכן אונזער זיידע אברהם.

גוט שבת!

כל הזכויות שמורות ל: תורת אביגדור- פאר הערות און קאמענטארן ביטע פארשטענדיגט אייך: